**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/23/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שרייבט אונטער געזעץ צו באשיצן פאציענטן מיט מעדיקעל חובות**

***לעגיסלאציע (S.6522A/A.7363A) באשיצט פאציענטן אויסשטייענדיג הויכע מעדיקעל בילס פון געוויסע שטראפן קעגן זייערע געהאלטן אדער פראפערטי***

***טייל פון 2022 סטעיט ציל צו באשיצן ניו יארק׳ס איינקויפער און פארבעסערן פינאנציעלע געזונטהייט***

האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.6522A/A.7363A) צו באשיצן פאציענטן אויסשטייענדיג הויכע מעדיקעל בילס וואס קען פירן צו געהאלט גארנישמענטס אדער ליענס קעגן זייער פראפערטי.

״קיינער זאל נישט אויסשטיין די דראונג פון פארלירן זייער היים אדער אריינפאלן אין ווייטערע חובות נאכ׳ן זוכן מעדיציניש באהאנדלונג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ אונטערצושרייבן היינט לעגיסלאציע וואס ווער ענדיגן דעם דאזיגן שעדליכע און לאקערנדע איינקאסירונג געפירעכטס צו העלפן באשיצן ניו יארקער פון די אומ׳יושר׳דיגע שטראפן. מיט מעדיקעל חובות זיין א לאסט פאר ווייט צופיל, איז דאס א וויכטיגער שריט צו אדרעסירן דעם דרינגענדע פראבלעם.״

לעגיסלאציע (S.6522A/A.7363A) פארענדערט די ציווילע פראקטיציר געזעץ און פאראָרדנונגען צו פארבאטן העלטקעיר פראוויידערס פון ארויפלייגן היים ךיענס אויף אן אינדיווידועלנ׳ס הויפט איינוואוינונג אדער צוריקהאלטן געהאלטן צו איינקאסירן אויף מעדיקעל חובות. גאווערנער האוקול האט פארגעשטעלט איר צילן צו באשיצן ניו יארק׳ס איינקויפער און פארבעסערן זייער פינאנציעלע וואוילזיין אין איר [2022 סטעיט אָוו דע סטעיט אדרעס](), וואס רעכנט אריין אדרעסירן מעדיקעל חובות און באשיצן איינקויפער פון באלעסטעריש און באשטראפנדע פראקטיצירונגען וואס פירט צו פארמערטע און אומפארדינטע פינאנציעלע דרוק.

באלד האלב פון ערוואקסענע אמעריקאנער מוטשען זיך זיך צו ערלויבן העלטקעיר קאסטן, און מער ווי 50,000 ניו יארקער זענען אנגעקלאגט געווארן פאר מעדיקעל חובות איבער די לעצטע פינף יאר; דער דאזיגער פראבלעם איז מערסט פארשפרייט אין אפסטעיט ניו יארק. פריער, האבן שפיטעלער אדער העלטקעיר פראוויידערס געקענט ארויפשטעלן און אינפארסירן ליענס אויף א פאציענט׳ס הויפט איינוואוינונג צו צופרידנשטעלן אן אורטייל אין א מעדיקעל חוב אנקלאגע, פירנדיג צו וואוינונג אומסטאביליטעט און צושוידערנדע פינאנציעלע קאנסעקווענצן פאר מערסט-אומבאהאלפענע ניו יארקער.

**סטעיט סענאטאר גוסטאווא ריווערא האט געזאגט,** ״ניו יארקער זאלן זיך נישט שרעקן פון פארלירן זייער היים אדער פרנסות אלס רעזולטאט פון זוכן מעדיציניש באהאנדלונג, ספעציעל דורכאויס אזעלכע געפלאגטע פינאנציעלע צייטן. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן מיין ביל אלס געזעץ צו באשיצן ניו יארקער פון אויסשטיין ליענס אויף זייערע היימען אדער געהאלט צוריקהאלטונגען

דורך מעדיצינישע אינסטיטוציעס אין זייער פרואוו צו איינקאסירן מעדיקעל חובות. מיר דארפן ארבעטן אינאיינעם אויסצוראטן מעדיקעל חובות פון אונזער סטעיט און איך בין גאר שטארק דערפריידט אז מיר נעמען דעם דאזיגן וויכטיגן ערשטע טריט.״

**אסעמבלי-מיטגליד ריטשערד גאטפריעד האט געזאגט,** ״ניו יארקער מוטשען זיך מיט העלטקעיר קאסטן אפילו ווען זיי האבן אינשורענס. מענטשן וועלכע זוכן באהאנדלונג באקומען צום סוף בילס צו דעקן כסדר-מערנדע קאסטן פון אייגענעם טאש, אריינגערעכנט הויכע דעדאקטעבלס, קאפעיס און די פארשידענע באצאלונגען וואס אינשורענס דעקט נישט. מענטשן׳ס היימען און איינקונפטן זאלן נישט זיין געדראעט צו צופרידנשטעלן מעדיקעל חובות. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן S.6522A/A.7363A אלס געזעץ צו העלפן באשיצן פאציענטן פון די דאזיגע באַ׳עוולה׳נדע פראקטיצירונגען. די דאזיגע ביל וואלט נישט געקענט פארווירקליכט ווערן אן די שווערע ארבעט און שתדלנות פון סענאטאר ריווערא, אנדערע לעגיסלאטיווע קאלעגעס און שתדלנים, ספעציעל די קאמיוניטי סערוויס סאָסייעטי.״

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418